# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך
**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

ויחי
תשפ"ג לפ"ק
גליון רנ"ג

## פראגע

**איך האט געזאגט דא אז עס איז א פראבלעם צו זיין צו שטארק פארנומען, און א מענטש מוז האבן עקסטערע צייט פאר זיך צו טראכטן וועגן השי"ת און וועגן זיין אויפגאבע אין לעבן, אבער איך האט אויך שוין אנדערע מאל דערמאנט די וויכטיגקייט פון זיך האלטן פארנומען. קענט איר עס ערקלערן?**

## ענטפער:

**אויסדרוקליך**, און עס איז שוין אויך ערקלערט געווארן דא דער חילוק. אויב א מענטש האט א נידריגע כאראקטער דארף ער זיך האלטן פארנומען אגאנצן צייט.

די גמרא זאגט (בבא מציעא עג:) אז רבא'ס ברודער, רב סעורם, פלעגט גיין אויפ'ן גאס און אויפזוכן די ליידיגייערס, די פראבלעמען-מאכער. אפילו צווישן אידן זענען געווען "טראבל-מעיקערס" – די יונגען וואס זענען געשטאנען ביי די גאס-ווינקלען און געשטויסן די דורכגייער, זיי פלעגן שטיפן אנדערע מענטשן און זיי שטערן.

רב סעורם פלעגט זיי צאמנעמען פון די גאסן אינאיינעם מיט די אידישע לאקאלע פאליציי, און וואס האט ער געטון מיט זיי? ער האט זיי גענוצט צו שלעפן רבא'ס וואגן. ווען רבא – וועלכער איז געווען דער ראש ישיבה – האט געדארפט גיין אין ישיבה צו געבן א שיעור, אנשטאט פערדן זאלן שלעפן דעם וואגן האט ער געלייגט די מענטשליכע פערדן און זיי האבן געשלעפט רבא צו דער ישיבה צו געבן זיין שיעור. דאס איז געווען זייער וועג זיי אויסצולערנען אז מען דארף זיך האלטן פארנומען און נישט ליידיגגיין.

ווייל **פרייהייט** איז בלויז גוט פאר מענטשן וועלכע ווייסן וויאזוי אויסצונוצן זייער פרייהייט, אבער פאר יענע ליידיגייערס איז געווען די בעסטע זאך פאר זיי אז זייער פרייהייט איז אוועקגענומען געווארן פון זיי און אנשטאט זענען זיי געצווינגען געווארן צו שלעפן רבא'ס וואגן. עס האט זיי געראטעוועט! עס האט זיי געהאלטן ווייט פון פראבלעמען, און כאטש ווען זיי וועלן ארויפגעקומען אין עולם הבא און מען וועט זיי פרעגן, "וואס האט איר אויפגעטון?" וועלן זיי ענטפערן, "וואס הייסט וואס מיר האבן אויפגעטון? מיר האבן געשלעפט רבא'ס וואגן! ער איז געקומען אין ישיבה און געזאגט א שיעור צוליב אונז!"

אודאי, מענטשן וועלכע קענען מאכן פראבלעמען דארפן מען האלטן פארנומען. דאס איז די סיבה פארוואס גוים טארן נישט היטן שבת, בלויז אידן האבן א רעכט צו היטן שבת. "עכו"ם ששבת חייב מיתה" – א גוי וואס האלט א רוה-טאג – אפילו אויב ס'איז דינסטאג – איז חייב מיתה. דער אויבערשטער וויל נישט אז גוים זאלן האבן ליידיגע צייט. ווייל וואס טוען זיי אין זייער ליידיגע צייט? זיי מאכן פראבלעמען פאר אנדערע, און פאר זיך אליינס.

צי ווייסט איר וויפיל גוים וואלטן געבליבן לעבן ווען נישט יולי 4? קומענדיגן יולי 4 וועלן כאטש זיבן הונדערט מענטשן גע'הרג'עט ווערן אויף די שאסייען. כאטש זיבן הונדערט – איסער די טויטע פון די וועלכע וועלן זיך שטעכן איינער דעם צווייטן ביי די גריל-צוזאמקונפטן און אין די שענק. לאמיר זאגן זיי וואלטן אויפגעלעזט יולי 4; עס וואלט געווען א הצלה פאר די גוים! לעבנס וואלטן געראטעוועט געווארן.

יעצט, איך בין נישט דערפאר! יולי 4 איז למעשה א גוטע זאך. אבער עס איז א רחמנות פאר די מענטשן וואס ווייסן נישט וויאזוי אויסצונוצן ריכטיג זייער ליידיגע צייט.

צי ווייסט איר וואס 'קראצמער' איז? איך וועל אייך זאגן. עס איז דא א געוויסער בארימטער גלח וואס האט געמאכט דעם פאלגענדן סטעיטמענט: ער האט געזאגט, "'קראצמער' איז א סעזאן פון די מערסטע שיכורים, די מערסטע פארברעכנס און די מערסטע טראגעדיעס." דאס זענען זיינע ווערטער. **הודאת בעל דין כמאה עדים דמי**. גלייך ארויס פונעם אייזל'ס מויל...

יעצט להבדיל, טראכט וועגן אונזער חנוכה. נאך חנוכה רוימט מען אויף און יעדער איינער איז מער דערהויבן צוליב דעם הערליכן יום טוב. און פסח? קיינער שטעכט זיך נישט איינער דעם צווייטן ביים פסח-סדר. אבער ביי זיי איז עס אן אנדערע מעשה.

ווען איך בין געווען אין דער ליטע האט מיך עמיצער געוויזן אמאל דעם "ליטוויש אידיס" – א ליטווישע צייטונג. יעדן מאנטאג אינדערפרי האבן זיי געהאט א ליסטע פון אלע שטעכערייען וואס זענען פארגעקומען אין זייער רוה-טאג זונטאג. א לאנגע ליסטע! אבער קיין איין שטעכעריי איז נישט פארגעקומען ביי אונזער שבת.

במילא ווענד זיך אלעס אויב מען ווייסט וואס צו טון מיט פרייע צייט. (# 272)

## פראגע

## וואס דארפן מיר טראכטן ווען מיר זעען ביי אלע אונזערע גוי'אישע שכנים קראצמען לעקטערס און דעקאראציעס?

### ענטפער:

**מיר** דארפן טראכטן אז עס איז א פייערונג פון **שקר**. דא קומט א פרוי וואס האט געהאט א קינד נישט פון איר מאן – דאס איז די ערגסטע סארט געבורט וואס קען נאר זיין – און דאס ווערט געפייערט איבעראל ארום דער וועלט אלס דער פרייליכסטער געשעעניש! פון דעם זעען מיר ווי א גרויסער שקר די וועלט איז. די ערגסטע זאך איז צו האבן א זון נישט פון דער אייגענער מאן, און דא מאכן זיי גאנצע צימעס דערפון. און זיי פייערן עס נאך!

און מיר זעען דאס דארפן מיר געדענקען אז דאס איז **א מאדעל** פאר אלע אנדערע זאכן. פונקט ווי דאס איז חושך און שקר, און זיי פייערן עס מיט קאלירפולע לעקטערלעך, **בא זה ולימד על זה**, דאס לערנט אונז איבער אלע אנדערע זאכן וואס זיי פייערן.

טא, ווען איר גייט דורך א קאלעדזש דארפט איר וויסן, אז א קאלעדזש איז פול מיט שקר, גארנישט ווייניגער ווי דעם שקר. דער פאקט איז אז אט דער חאגא פון שקר איז נאך ווייניגער פאלש ווי דער קאלעדזש שקר.

די קאלעדזש איז שקר און רשעות פון אויבן ביז אראפ. היינט צו טאגס פייערן די לערערס אין קאלעדזש **קאמוניזם**. זיי לערנען אז אמעריקע איז נישט גוט און אז קאמוניזם איז א וואונדערבארער סיסטעם. ס'איז אן איינדרוקספולע זאך אז אלע קאלעדזשעס היינט – אלע סאציאלאגיע קורסן היינט; אנדערע קורסן אויך – אלע לערנען וועגן די שיינקייט און יושר פון **סאציאליזם**.

האט איר שוין אמאל געהערט אזא משוגענע סיסטעם ווי מען טרעפט היינט אין אמעריקע?! יעדער דארף גיין אין קאלעדזש, און וואס זענען די וויכטיגסטע קורסן אין קאלעדזש? אלקאהאל און דראגס. ס'איז א פאקט! עס איז נישט קיין גוזמא! דאס איז וואס זיי לערנען דארט מער ווי סיי-וועלכע אנדערע זאך.

און דערפאר, ווען מען גייט דורך די חאגע לעקטערלעך אדער די קירכע, קען מען טראכטן, "פארוואס נישט? זאלן זיי גיין אין קירכע. זיי וועלן לערנען דארט עפעס גוטע זאכן, ווי איידער אין קאלעדזש." א גוי וואס איז עובד עבודה זרה, דאס פארשטייען מיר; ער איז א גוי. מיר זענען נישט פרייליך אז ער דינט א פאלשע ג-ט, אבער דאך לערנט אים די עבודה זרה געוויסע זאכן וואס ער האלט איין. געוויסע זאכן דארט זענען שלעכט פאר אים, און געוויסע זאכן זענען גוט פאר אים.

אבער די קאלעדזשעס, אויב עס וואלט זיך ווען געוואנדן אין אונז, וואלטן מיר אפגעשפארט אלע קאלעדזשעס, ווייל זיי זענען לעכער פון די ערגסטע רשעות. אלע תועבה קומט ארויס פון די קאלעדזשעס. זיי מאכן סעמינארן אויף די אלע רשעות. זיי פראקטיצירן און פרעדיגן עס, און דערפאר זענען מיר אצינד באוויסטזיניג מער ווי סיי-ווען איבער די שקר וואס די אקאדעמישע וועלט רעפרעזענטירט. עס איז סך ערגער ווי די פאלשע רעליגיעס. די אוניווערזיטעטן זענען היינט כולו שקר.

אפילו אסאך יארן צוריק ווען די קאלעדזשעס זענען נאכנישט געווען אזוי נידריג ווי זיי זענען היינט איז עס אויך געווען כולו שקר. זיי האבן געלערנט דארט אז די וועלט האט זיך אליינס באשאפן עפ"ל – דאס איז דער יסוד היסודות פון שקר. ווידעראום די גוי'אישע רעליגיעס זאגן דאס נישט. זיי גלייבן אויך אין בראשית ברא אלקים, און דערפאר קען מען נישט פארגלייכן די צוויי.

און דערפאר, א גוי "אין מורידין אותו." ס'איז נישט דא קיין מצוה פטור צו ווערן פון א גוי – ס'איז נישט קיין מצוה צו שעדיגן א גוי. אבער א ישראל וואס איז א מין – איך וויל אייך נישט זאגן וואס מען דארף טון מיט אים. א מין, ווי שנעלער ער ווערט פארניכטעט אלס בעסער, ווייל ער איז א סכנה פאר דער גאנצער וועלט. (# 580)

**די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת** (ענגליש)**, און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו** Signup@TorasAvigdor.org**, אדער גייט צו** torasavigdor.org. **צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו** tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס**

אין אלע תחומי ההיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב